

געצייכנט פון רואוון קעממאן.

איסט ניו יארק
שולן
962 סאטער עוועניו

יאנואר 1932

פרייז — 10 סענט

א גרוס צו די עלטערן, פארוואלטער און טוער פון אונדזער איסט ניו יארקער שול ב. מיר שענקען אייך דעם זשורנאל א מאמאַנט פאר אייער איבערגעבענער ארבעט. מיר, די קינדער און דער לערער, שטרענגען זיך אן מיט אלע מעגלרכקייטן צו טאן די ארבעט וואס איז אף אונדז ארויפגעלייגט געווארן. מיר ווייסן די נויטיקייט פון אונדזער שול.

צו דער געלעגנהייט דערמאנען מיר אייך אז די צאל קינדער וואס באזוכן אונדזער שול איז נאך זייער א קליינע אין פארגלייך מיט די טאלמעטוירעס וואס גיבן נאך מער סאם אין די מויכעס פון די ארבעטער קינדער און זייערע עלטערן.

לאמיר, כאוויירים, זיך נעמען ארגאניזירן א געזונטע שטארקע שול באם אינטער־נאציאנאלן ארבעטער ארדן, וואו הונדערטער קינדער זאלן דערצויגן ווערן אין גייסט פון קלאסנקאמף.

די קינדער און דער לערער.

דער הונגער־מארש

פון גאלדיע גאלדמאן
גראדואיר קלאס

עס האבן זיך ארויסגעלאזט מאסן
אף די גאסן.
וואס ווילן זיי?
וואוינונגען, קליידער און ברויט
פאר די וואס ליידן נויט.

זעכצן הונדערט אין צאל!
און נאך און נאך קומען צו אלעמאל.
און אף אונדזערע פארזארגער אין וואשינגטאן
איז ארופגעפאלן א שרעק,
און מען האט ארויסגעשיקט זעכצן הונדערט
בלויע רעק.

אבער אונדזערע כאוויירים דערשרעקן זיך ניט.
מיט געהויבענע קעפ
גיבן זיי קלעפ.
זיי וועלן קעמפן און זיך שלאגן
ביז זיי וועלן דעם ארבעטער קלאס פארזארגן.

די באלעבאטים און די ארבעטער

פון מוני אייזען – קלאס 3

די באלעבאטים ווילן אז די ארבעטער זאלן ארבעטן פאר ווייניק געלט און זיי אליין זיינען רייך. די ארבעטער זיינען אבער ארים. פארוואס? ווייל די באסעס ווייזן אף א פאפיר אז אלצדינג איז זייערס. דאס איז אבער ניט עמעס. דאס פאפיר איז נאך גארניט. זיי ארבעטן ניט און ארבעטער ארבעטן און האבן גארנישט.

די ארבעטער מאכן אלצדינג וואס ס'איז דא אף דער וועלט, און ווען די באסעס ווארפן זיי ארויס פון די שעפער, האבן זיי גארנישט וואס צו עסן.

אן ארבעטער און א באלעבאס

פון לייבל קאהן – קלאס 3

אן ארבעטער ארבעט זייער שווער, און וואס ער ארבעט אוים נעמט צו דער באס. דעם ארבעטער באצאלט ער ווייניק, א סאך ווייניקער וויפיל עס קומט אים. דער באלעבאס אבער טוט גארנישט און האט אלצדינג וואס ער וויל. ער רעדט איין די ארבעטער, אז זיי זאלן זיך ניט זארגן און אז זיי וועלן האבן פון וואס צו לעבן. דער באלעבאס זויגט דאס בלוט פון די ארבעטער.

כאזויירים ארבעטער,
באזוכט אונדזער שול.

די קלאסן גייען אן יעדן
מאנטיק,
מיטוואך
און פרייטיק
פון 4 ביז אכט אוונט.

אַ דזשאָב

פֿון מאָרים קלײן — גראַדואיר קלאַס

טאָג אײן, טאָג אויס;
װאָך אײן, װאָך אויס;
אַלץ װאָס איך הער פֿון מײן טאַטן
איז — װאו קריגט מען אַ דזשאָב?
שוין אָפּגעגאַן די פֿיס,
שוין אויסגעדרײט דעם קאָפּ,
קײן דזשאָב נאָך אַלץ ניט געקראָגן.
אָבער װען איך װעל שוין קריגן אַ דזשאָב
װעל איך אים האַלטן מיט בײדע הענט.
כ'װעל זאָגן צום באַלעבאָס:
אַװעק צום טײװל, דו גראָבער בויך,
איצט איז עס מײן צײט!
מײן שאָפּ!
מײן דזשאָב!
גענוג שוין בלוט געזויגן!

אַ נײער אין דער באַװעגונג

פֿון רות ראָזעצקי — גראַדואיר קלאַס

יאַנקעלע איז זיך געגאַנגען איבערן גאַס, זיך צוגעזונגען אַ לידל און געקוקט אַפֿן הימל. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ טומל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַן אוילעם. אין דער מיט איז אַף אַ פּלאַטפֿאָרמע געשטאַנען אַ קינד און גערעדט. יאַנקעלע איז צוגעגאַנגען און זיך צוגעהערט װאָס מ'האָט געזאָגט. מיטאַמאָל איז אַ קינד צוגעגאַנגען און אים געפֿרעגט: „גײסטו אין שול?" —

— נײן — האָט יאַנקעלע געענטפֿערט.

— אויב אַזוי, קום מיט מיר — האָט אים דאָס אינגל געזאָגט און האָט אים גענומען פֿירן.

יאַנקל איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט אים אַרײנגעפֿירט אין אַ צימער. אַפֿן װאַנט פֿון צימער זײנען געהאַנגען בילדער פֿון לענין און אַנדערע פֿירער פֿון אַרבעטער, און װאַנט־צײטונגען. אַלץ איז געװען זײער נײ פֿאַר יאַנקלען. בא אַ טיש איז געזעסן אַ מאַן — ניט אַזוי זיך, אַ מאַן, נאָר אַ באַװער. ער האָט גערופֿן יאַנקלען און אים געפֿרעגט אַ פּאָר פֿראַגן, צי ער קען רעדן אידיש, צי איז ער אַ מאָל געגאַנגען אין אַ שול.

יאַנקל האָט אים אַלץ געענטפֿערט. דער לערער האָט אים געפֿרעגט, צי װאָלט ער געװאָלט גײן אין שול. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער װיל זײער שטאַרק גײן, אָבער זײן מאַמע און טאַטע װילן, אַז ער זאָל גײן אין טאַלמעטײרע, ער זאָל זיך קענען לערנען דאַװנען. דער לערער האָט אַרונטערגעשריבן זײן אַדרעס און צוגעזאָגט שיקן אַ קאָמיסיע פֿון קינדער צו זײן הויז.

אַף מאָרגן איז טאַקע געקומען אַ קאָמיסיע צו יאַנקלס הויז, צו געװינען זײן מוטער. ס'איז ניט געװען אַזוי גרינג, נאָר מ'האָט זי געקראָגן. די װאָך האָט זיך יאַנקל פֿאַרשריבן אין שול. ער איז געװען זײער אַקטיװ. געקענװעסט קינדער, זיך געלערנט גוט, און איבער אים האָבן זײנע עלטערן זיך פֿאַרשריבן אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

אונדזער שול
פון גאָלדע גאָלדמאַן - גראַדואיר קלאַס

אונדזער שול איז אַן אַרבעטער שול. מיר לערנען וועגן דעם אַרבעטערס לאַגע. מיר לערנען צו פאַרשטיין אונדזערע עלטערנס שפּראַך. מיר לערנען צו שרייבן אידיש און צו לייענען אידיש. א סאַך כאַוויירים פאַרשטייען ניט וואָס אונדזער שול איז. זיי מיינען אַז ווען מען לערנט ניט צו זיין פרום און צו דאַווענען און צו לייענען העברעאיש – די שפּראַך וואָס די קינדער פאַרשטייען ניט – דערפאַר מיינען זיי אַז דאָ איז ניט דאָס פּלאַץ פאַר זייערע קינדער.

אָבער, כאַוויירים, איר האָט א טאָעס. עס איז עמעס אַז מיר לערנען ניט צו דאַווענען, אָדער צו זיין פרום, אָבער מיר לערנען דעם אַרבעטערס לאַגע. איר ווייסט, כאַוויירים, אַז עס גייען אַרום אַזויפיל אַרבעטלאָזע וואָס האָבן ניט וואָס צו עסן און וואו צו וואוינען? דאָס, כאַוויירים לערנען מיר און אויך ווי צו אויסבעסערן די גאַנצע סיסטעם און מאַכן גוט אַף דער וועלט.

אונדזער קלוב
פון דייוו גאָרענשטיין – גראַדואיר קלאַס

אונדזער קלוב האָט זיינע מיטינגען אַלע פרייטיק, 6 א זייגער. די סעקרעטאַרשע איז לייע קאָהן. דער קאַסירער איז מאָריס קליין. אַלע וואָך קלייבן מיר אויס אַן אַנדער פאָרזיצער. אין קלוב האָבן מיר א ביבליאָטעק קאָמיסיע, א הויז קאָמיסיע און א קענוועס קאָמיסיע. די ביבליאָטעק קאָמיסיע טיילט אויס יעדן די ביכער צום לייענען. די הויז קאָמיסיע דאַרף אויספּוצן די שול. זיי דאַרפן אויסקלעפּן בילדער אַף די ווענט און האַלטן די שול-צימערן ריין. די קענוועס קאָמיסיע דאַרף קענוועסן קינדער. אין קלוב רעדן מיר וועגן דער אַרבעט וואָס די קינדער דאַרפן טאָן פאַר דער שול און פאַר דער אַרבעטער פּרעסע.

אין קלוב לערנען מיר זיך ווי צו פירן א קלוב ווי די עלטערע אַרבעטער. מיר רעדן דאָרטן פון די פּיאָנערן און מיר פאַרקויפן דעם פּיאָנערן זשורנאַל. דער קלוב איז א גרויסער דערפאָלג. צום גרויסן יאָר קאָנצערט גרייט אונדזער קלוב צו א גרויסע שפּיל.

פאַרוואָס איך ברענג אַריין קינדער אין שול
פון עסטער טעמקין – קלאַס 2

די אידישע אַרבעטער קול איז זייער וויכטיק פאַר די קינדער פון אידישע אַרבעטער. מיר גייען אַהער לערנען ווייל דאָ דערציילט מען אונדז די לאַגע פון אונדזערע טאַטעס באַ דער אַרבעט און מען לערנט אונדז פאַרוואָס מיר דאַרפן קעמפן איצט און ווען מיר וועלן אויסוואַקסן.

דער „דיילי וואָרקער"
פון נאַפּטאַליע ראַפּינאָוויטש – קלאַס 3

דער דיילי וואָרקער איז אַן אַרבעטער צייטונג אין ענגליש; די מאָרגן-פרייהייט – אין אידיש. דער דיילי וואָרקער איז ניט אָנגעפילט מיט ספּאָרט און מיט אַנדערע נאַרעשקייטן ווי די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען. דער דיילי וואָרקער דערציילט פון די אַרבעטער און פון די באָסעס. די באַלעבאַטים ווילן ניט אַז די אַרבעטער זאָלן לייענען די צייטונג. די אַרבעטער אַרט דאָס ניט און זיי לייענען דעם דיילי וואָרקער. אַלע אַרבעטער דאַרפן לייענען די אַרבעטער פּרעסע.

אונדזער שול

פון מאָריס קליין — גראַדואיר קלאַס

א כוץ דעם וואָס מיר לערנען אין אונדזער שול, האָבן מיר אויך ארבעט צו טאָן. עטלאכע קינדער האָבן געבראכט ארבעט אויסגעקלעפּט פון קליי. מיר האָבן אויך א וואנט־צייטונג דעקאָרירט מיט די פירער פון קאָמוניזם. אין שול האָבן מיר אויך אופגעבויט א קלוב. אלע וואָך קלייבן מיר אויס א טשערמאן. אין דעם קלוב האָבן מיר פארשידענע קאָמיסיעס.

איצט גרייטן מיר זיך צו א שפּיל וואָס הייסט „בירא־בידזשאן״. אין דער שפּיל ברענגען מיר ארויס ווי א מאן וואָס גלויבט אין ציאָניזם קערט זיך אום צום קאָמוניזם. עס ווערט דאָרט געוויזן א קאָלאָניע אין בירא־בידזשאן. פריער א קליינע, א פּראָסטע, און אָרימע און שפּעטער ווערט זי רייך מיט א טראַקטאָר, מיט א קינדער שול און מיט אלץ וואָס מען דארף.

איינע פון די בעסטע זאכן אין קלוב איז די ביבליאָטעק. קינדער פון דער גאנצער שול נעמען ארויס ביכער צום לייענען. אין א וואָך ארום ברענגען זיי די ביכער צוריק. די קינדער פון דעם קלוב ברענגען אריין געלט צו קויפן די ביכער און איצט האָבן מיר שוין א גוטע ביבליאָטעק. מיר האָבן אויך א ספּעציעלן קלוב צימער מיט שאך און טשעקערס און אנדערע שפּילן. דער צימער איז באפּוצט מיט בילדער און מיט קאָמפּאָזיציעס און אופשריפטן.

לאנג לעבן זאָל די ארבעטער שול!　　　בויט די ביבליאָטעק!

אונדזער שול און די פּאַבליק סקול

פון באַצקל קאַהן — קלאַס 2

אונדזער שול איז אן ארבעטער שול און די פּאַבליק סקול איז ניט קיין ארבעטער שול. אין פּאַבליק סקול לערנען מיר פון די אלטע צייטן און אין דער ארבעטער שול לערנען מיר פון די איצטיקע צייטן. אין שול לערנען מיר פון די ארבעטער און אין פּאַבליק סקול לערנען מיר פון גארנישט.

אונדזער שול און די פּאַבליק סקול — א פארגלייך.

פון סאָרע איזראעליט — קלאַס 2

אין סקול איז דאָ א דיסציפּלין. די קינדער האָבן מוירע פארן לערער. ווען ניט די מוירע וואָלטן די קינדער מיסטאָמע איבערגעקערט די סקול מיטן קאָפּ אראונטער. אין שול איז ניטאָ קיין דיסציפּלין, נאָר דער לערער און די קינדער זיינען באַווייריס. אין סקול איז דער לערער א פּאָליסמאן. אין שול איז דער לערער א פריינט, א כאַווער. אין סקול לערנט מען די קינדער צו זיין שקלאַפן. אין שול לערנט מען די קינדער צו זיין פריי.

אונדזער שול צימער

פון מיי ראַבאַק — קלאַס 3

די קינדער פון אונדזער שול האָבן געטאָן א סאָך ארבעט צו מאכן אונדזער שול צימער א שיין פלאץ צו לערנען. מיר האָבן געשריבן קאָמפּאָזיציעס און זיי אופגעקלעפּט אף די ווענט. די ווענט פון דער שול זיינען אויך באהאנגען מיט א סאָך בילדער פון סאָוועטנפארבאנד (ווייל מיר האָבן געלערנט דעם פּראָיעקט סאָוועטנפארבאנד).

דער שול צימער האָט אינמיטן א טיר וואָס מאכט פון אים צוויי צימערן. אין דעם צווייטן צימער שטייען בענק, וווּ אונדזערע עלטערן האָבן זייערע מיטינגען. און א פּיאַנע שטייט דאָרטן. יעדער פרייטיק זינגען מיר דאָרט.

בויט די ארבעטער שול!

דערציט אייערע קינדער אין גייסט פון קלאסנקאמף!

אין סאוועטנלאנד

פון שוירלי קאהן – קלאס 2

סאוועטנלאנד איז זייער א גוט לאנד פאר ארבעטער. דארטן קריגן ארבעטער אלעס וואס דאס לאנד פארמאגט, כאטש דאס לאנד איז נאך ארים. אין דעם קאפיטאליסטישן לאנד גייען ארום ארבעטער הונגעריקע און בארוועסע. דערפאר שיקט מיך מיין מאמע אין דער ארבעטער קול, אז איך זאל לערנען פון סאוועטנפארבאנד און פון די אמעריקאנער ארבעטער.

רוסלאנד און סאוועטנפארבאנד

פון גאלדע גאלדמאן – גראדואיר קלאס

אין אמאליקן רוסלאנד איז געווען א קייסער און אים האט ניט געארט פאר דעם פאלק פון זיין לאנד. ס'איז ניט געווען קיין אינדוסטריע אין לאנד. ער האט ניט געמאכט קיין פארבעסערונגען אין לאנד. די אידן האבן ניט געקענט וואוינען אין די גרויסע שטעט. זיי האבן ניט געטארט וואוינען אין די דערפער אויך, נאר אין קליינע שטעטלאך האט מען זיי דערלויבט. מען האט די ארבעטער ניט געגעבן קיין געלעגנהייט אויסצונוצן זייערע פעאיקייטן, אויסצובעסערן דאס לאנד. דער בירגער קריג האט זיך אנגעהויבן אין 1917. דאן האט מען ארונטערגעווארפן דעם קייסער און שפעטער האט זיך אנגעפאנגען דאס ארבעטער לאנד. די ארבעטער האבן באשטימט אופצובויען דאס לאנד אין פינף יאר און דער פלאן איז זייער דערפאלגרייך. דער פלאן דארף זיך ענדיקן אין יאר 1933, אבער ער וועט זיך ענדיקן אין 1932, ווייל די ארבעטער האבן ליב זייער ארבעט. און די וואס ארבעטן אפן פעלד האבן אויך א פלאן און ארבעטן ניט ווילד אזוי ווי פריער.

בילדונג אמאל אין רוסלאנד און איצט אין סאוועטנפארבאנד.

פון נייטן פאן – גראדואיר קלאס.

הינטער דער ארדנונג אין וועלכער רוסלאנד האט פריער געלעבט איז דאס פאלק געווען אונטערדריקט. זיי האבן זיך ניט געקענט בילדן, ווייל מ'האט זיי ניט געלאזט, ווייל די קאפיטאליסטן און די רעגירונג זיינען געווען פאראינטערעסירט אז די ארבעטער און פויערים זאלן ניט קענען באגרייפן זייער לאגע. די ארימע זיינען געהאלטן געווארן אין דער פינסטער.

זינט דער ארבעטער האט איבערגענומען די מאכט, איז דער סאוועטנפארבאנד דאס בעסטע לאנד אין דער וועלט, ווייל אלצדינג וואס ווערט געשאפן איז פאר דעם ארבעטער קלאס. די קינדער איבערהויפט האבן איצט א בעסער לעבן ווי בא דער צארישער רעגירונג. דאן זיינען זיי נאך אין די קינדערשע יארן פארשקלאפט געווארן אין די שעפער, אדער זיי זיינען ארומגעלאפן איבער די גאסן אפגעריסענע און הונגעריקע ביז ס'איז געווארן פון זיי גאנאווים און שלעפער.

איצט אין סאוועטנפארבאנד קען אזעלכעס ניט פאסירן. דאס קינד ווערט באזארגט מיט אלצדינג און אויך מיט בילדונג. מ'לערנט יעדעס קינד צו וואס זיינען נייגונג איז.

פארטיידיקט דעם
סאוועטנפארבאנד!

דער פינף יאר פלאן

פון דייוו גארנשטיין — גראדואיר קלאס

אין די קאפיטאליסטישע לענדער איז אזוי: די באלעבאטים מאכן צופיל קליידער, צופיל שיך, צופיל מאשינען און זיי קענען זיי ניט פארקויפן. מ'קען ניט מאכן נאך קיין זאכן ווען די „שעלפס" זיינען פארפאקט, ווארפן זיי ארויס די ארבעטער, כאטש פריער האבן זיי געארבעט אזוי שווער.

ווען די ארבעטער אין סאוועטנפארבאנד האבן צוגענומען די פאבריקן בא די באלעבאטים און די פויערים האבן צוגענומען די ערד, האבן זיי געמאכט א פלאן.

א פלאן הייסט, אז די רעגירונג באשליסט, אז אין אן אפגעשטעלטער צייט וועלן די און די פאבריקן מאכן אזויפיל און אזויפיל שיך אדער מאשינען. אין די קאפיטאליסטישע לענדער באשליסט ניט די רעגירונג, נאר יעדער קאפיטאליסט טוט וואס ער קען. זיי מאכן די ארבעטער זיך יאגן און שניידן די ווידזשעס ווען זיי ווילן.

דער פינף יאר פלאן אין סאוועטנפארבאנד האט זיך אנגעהויבן אין 1928. ער דארף זיך ענדיקן אין 1933. נאר די ארבעטער האבן געארבעט מיט אזא כיישעק, אז זיי וועלן פארטיק ווערן אין פיר יאר, אין 1932. דער פינף יאר פלאן איז דער בעסטער פלאן און ער איז א גרויסער דערפאלג.

אין סאוועטנלאנד

פון איזי קליין — קלאס 2

די קינדער אין סאוועטנלאנד לעבן אונטער א קאמוניסטישער ארדנונג. זיי ווייסן ניט פון קיין באסעס און קיין קאפיטאליסטן. זיי איז גוט איצט און זיי ווייסן אז שפעטער וועט זיי זיין נאך בעסער. האלעווײ זאל שוין זיין אזוי אויך אין אמעריקע.

א בריוו קיין סאוועטנפארבאנד

פון מארים קליין — גראדואיר קלאס

טייערע כאווײרים אין סאוועטנפארבאנד;

איך האב געהערט אז איר ווילט קריגן בריוו פון אמעריקע. איר ווילט הערן וואס עס פאסירט אין אונדזער שול — וועל איך אייך דערציילן.

ס'איז ניט אזוי גוט אט דא. אבער אין שול איז גוט. מיר לייענען וועגן אייך און שרייבן קאמפאזיציעס פון סאוועטנפארבאנד. מיר מאכן בילדער און קלעפן אויס אף די ווענט וואס מ'טוט אין סאוועטנפארבאנד. אונדזער לערער זאגט אונדז אז אין סאוועטנפארבאנד ארבעט מען און אין אמעריקע קען מען ניט קריגן קיין דזשאב. מיר גייען אף דעמאנסטראציעס פאר ברויט און די קאפיטאליסטן קומען און שלאגן אונדז דערפאר אז מיר ווילן ברויט. מיר האבן א פיאנערן גרופע וואס איז שטענדיק גרייט. מיר גיבן אויך ארויס א זשורנאל.

געדענקט דעם יאר קאנצערט פון אונדזער שול
זונטיק דעם 6־טן מערץ 1932 אין
ארבעטער צענטער 1813 פיטקין עוועניו.

קערענסקי און לענין

פון רוט ראזעצקי ; גראדואיר קלאס

קערענסקי און זיין פארטיי, די סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן, האבן געוואלט האבן אין רוסלאנד אזא רעגירונג ווי מיר האבן דא אין אמעריקע. א טאך ארבעטער און פויערים זיינען געווען מיט קערענסקין פריער, וויל קערענסקי האט זיי געזאגט, אז מען וועט אפשטעלן די מילכאמע אין רוסלאנד. דאס איז אבער געווען נאר צוגעזאגט. קערענסקי האט געארבעט מיט די אנדערע לענדער אין דער מילכאמע.

לענין און די קאמוניסטישע פארטיי האבן געוואלט אן עמעסע ארבעטער רעגירונג, אזוי ווי ס'איז איצט דא אין סאוועטנפארבאנד. לענין האט באלד אפגעשטעלט די מילכאמע און האט אפגעגעבן די ארבעטער די פאבריקן און די ערד האט ער צעטיילט צו די פויערים.

אונדזער פרעסע

פון לייע קאהן – קלאס 4

די קאפיטאליסטישע פרעסע איז סאט פאר די ארבעטער. זיי ווילן אז די ארבעטער זאלן שקלאפן און די קאפיטאליסטן זאלן ניט ארבעטן און זיי זאלן געניסן פונם ארבעטערס פראצע. דערפאר דארפן די ארבעטער זיין ארגאניזירט און קעמפן קעגן דעם קאפיטאליסטישן קלאס.

פארוואס דארפן מיר העלפן אונדזערע עלטערן?

פון סימא גליבער – קלאס 2

אונדזערע טאטעס און אונדזערע מאמעס ארבעטן שווער צו מאכן א לעבן פאר זיך און פאר אלעמען. זיי קויפן אונדז קליידער און שיך. דערפאר דארפן מיר זיי העלפן.

אבריוו צו די קינדער פון דעם ארבעטער לאנד

פון רוט ראזעצקי – גראדואיר קלאס

טייערע כאווערים, קינדער פונם איינציקן ארבעטער לאנד אין דער וועלט.

איר פרעגט זיך נאך וואס אונדזער לאגע דא אין אמעריקע איז. – די לאגע איז דא זייער א ביטערע. ס'איז א שטארקער קריזיס אין לאנד, וויל עס איז אן איבער פראדוקציע. די ארבעטער האבן ניט קיין ארבעט, און אז זיי ארבעטן שוין יא קריגן זיי נאר גענוג אויפצוהאלטן דאס לעבן. מען ווארפט ארויס ארבעטער פון די דירעס, וויל אז מען ארבעט ניט, האט מען ניט קיין געלט צו באצאלן דירע געלט. טויזנטער ארבעטער און זייערע קינדער האבן ניט וואס אנצוטאן און וואס צו עסן. אין די גאסן גייען ארום קינדער און פוצן שיך, פארקויפן קענדי.

אוודאי, ווען מיר וואלטן געהאט אן ארבעטער רעגירונג ווי בא אייך, וואלט דא ניט געווען אזוי, וויל אן ארבעטער רעגירונג זאגט, אז ווער עס ארבעט ניט דער עסט ניט. בא אונדז אבער זיינען די שאפער און די בויער פונעם לאנד הונגעריק, און די וואס וויסן ניט וואס הייסט ארבעטן, דאס קליינע הייפעלע קאפיטאליסטן, די האבן אלץ. די געניסן פון דער וועלט.

ס'וועט אבער קומען א צייט, ווען מיר, די ארבעטער פונם לאנד, וועלן ארונטערווארפן די קאפיטאליסטן און אליין איבערנעמען די מאכט. דאן וועט שוין ניט זיין אזוי מער, אז די וואס ארבעטן זאלן שטארבן פון הונגער, און די וואס טוען גארניש זאלן אלץ האבן, נאר אלע וועלן זיין גלייך.

איצט בעטן מיר אייך, כאווערים, שיקט אונדז בריוו און דערציילט אונדז וואס עס טוט זיך אין אייער לאנד.

די סאָציאַליסטן און די קאָמוניסטן

פון דייוו גאָרנשטיין — גראַדואיר קלאַס

די סאציאליסטישע פארטיי איז א פארטיי פאר די קאפיטאליסטן ניט פאר די ארבעטער. זיי רופן זיך ארבעטער פארטיי, אבער זיי קענען אונדז ניט בלאפן. פריער, צוריק מיט יארן, איז די סאציאליסטישע פארטיי געווען די איינציקע ארבעטער פארטיי, נאר די קאפיטאליסטן האבן אנגעשטאפט די לידערס מיט געלט, זיינען זיי געגאנגען מיט די קאפיטאליסטן.

זיי בלאפן נאך די ניט פארשטייענדיקע ארבעטער און זאגן נאך, אז ס'איז אן ארבעטער פארטיי. נאר פארוואס נעמען זיי ארײן צו זיך די באסעס?

ווען עס איז געווען די רעוואלוציע אין רוסלאנד האבן די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט אנגעהויבן מאכן א נייע פארטיי, א קאמוניסטישע. די פארטיי ארגאניזירט די ארבעטער און דערציילט זיי דעם עמעס, אז מען דארף מאכן א סאוועטנרעגירונג אין אמעריקע אזוי ווי אין רוסלאנד. זיי דערציילן זיי, אז אלע דארפן זיין גלייך, ניט אז איין מענטש זאל האבן מיליאנען און א צווייטער זאל שטארבן פון הונגער.

די קאמוניסטן ארגאניזירן די פיאנירן און די ארבעטער קולן און לערנען די קינדער דעם עמעס. די קאמוניסטן נעמען ניט ארײן קיין באסעס צו זיך אין דער פארטיי. זיי זוכן ניט צו ווערן רייך. זיי זוכן צו מאכן א גוטע וועלט, וואו אלע ארבעטער זאלן לעבן פריי און גוט.

די אורזאכן פון מילכאמע

פון נייטן פאן — גראדואיר קלאס

פון וואנען נעמט זיך מילכאמע, און ווער איז שולדיק אין דעם? דאס וועל איך איצט ענטפערן.

ערשטנס, איז דאס די שולד פון אימפעריאליזם. דאס מיינט, אז א שטארקע לאנד וויל פארכאפן א שוואכע. זיי דארפן דאס האבן קעדיי אוועקצושיקן זייערע איבעריקע מענטשן, און צו פארקויפן זייערע פראדוקטן, און אויך קעדיי צו ארײנלייגן זייערע קאפיטאלן דארטן. דאס מיינט אימפעריאליזם און צוליב דעם שיקט מען אונדז אין מילכאמע.

פארוואס האט זיך די גרויסע וועלט מילכאמע אנגעהויבן? ווייל די קאפיטאליסטן פון ענגלאנד און פון דייטשלאנד האבן זיך געקריגט איבער קאלאניעס.

ווער איז שולדיק אין דעם? — די קאפיטאליסטן. ווייל ס'איז זייער געלט וואס זיי לייגן ארײן אין די לענדער.

אונדזער אמעריקע איז אויך אן אימפעריאליסטיש לאנד, און די קאפיטאליסטן ווייסן אז זיי דארפן זיך גרייטן צו א מילכאמע, דערפאר מאכן זיי אזויפיל קריגס שיפן און עראפלאנען און גיבן אויס דאס גאנצע געלט.

די באלעבאטים און די ארבעטער

פון גוירטרוד מאדלינסקי, קלאס 3

מיין טאטע איז אן ארבעטער און איך בין א פיאנער. די ארבעטער זיינען זייער גוט. זיי ווילן אז אלע מענטשן זאלן לעבן גליקלאך. די באלעבאטים זיינען זייער שלעכט, זיי ווילן אז די ארבעטער זאלן ארבעטן א סאך און זאלן קריגן ווייניק סכירעס. די ארבעטער זיינען ארים. זיי האבן ניט וואס צו עסן און די לענדלארדס טארפן זיי ארויס אין גאס ווען זיי האבן ניט צו באצאלן קיין דירע געלט. אלע ארבעטער דארפן נאכפאלגן לענינען און מאכן דא א פריי לאנד.

מילכאמע

פון לייע קאהן — גראדואיר קלאס

מיר ארבעטער ווילן ניט קיין מילכאמע. דער קאפיטאליסטישער קלאס וויל האבן א מילכאמע, ווייל דאס איז דער איינציקער וועג ווי אזוי ער קען זיך אופהאלטן. די ארבעטער ווילן ניט קיין מילכאמע ווייל מילכאמע וועט זיי ניט פאראייניקן נאר צעטיילן. מיר ווילן א רעוואלוציע, מיר מוזן מאכן א רעוואלוציע, ווייל א רעוואלוציע וועט פאראייניקן די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט.

ווי אזוי קענען די קינדער העלפן דעם ארבעטער קאמף

פון מײ ראבאק — קלאס דרײ

דער ארבעטער קאמף איז ײער א וויכטיקע זאך, און מיר, קינדער, דארפן העלפן די ארבעטער. מיר קענען העלפן דערמיט וואס מיר וועלן גײן צו די דעמאנסטראציעס און אף די פיקעט לײנס מיט אונדזערע עלטערן. מיר קענען ארײנברענגען נאך קינדער אין אונדזערע שולן און אזוי ארום פארשטארקן אונדזער באוועגונג. מיר אלע צוזאמען און א סאך דארפן קעמפן פאר א סאוועטישער אמעריקע.

די מארגן-פרײהײט

פון לײבל קאהן – קלאס 3

די מארגן-פרײהײט איז א אידישע ארבעטער צײטונג. אלע אידישע ארבעטער דארפן לײענען די ארבעטער פרעסע, ווײל זי איז די אײנציקע וואס שרײבט דעם עמעס וועגן די ארבעטער און פון דעם סאוועטנפארבאנד. די ארבעטער דארפן וויסן ווי אזוי צו קעמפן פאר א גוטער וועלט און ווי אזוי צו זײן אײניק צו מאכן דא אויך א סאוועטנרעגירונג.

פארוואס דארפן מיר העלפן אונדזערע עלטערן

פון פרענסיס סאנסקי – קלאס 2

מיר דארפן העלפן אונדזערע עלטערן ווײל זײ העלפן אונדז צו העלפן און זײן שטארק ווי אײזן. זײ ארבעטן שווער צו גיבן אונדז עסן, דארפן מיר זײ אפצאלן צוריק. מיר דארפן זײ פאלגן. ווען זײ קעמפן מיט די באסעס דארפן מיר זײ העלפן. ווען זײ זײנען קראנק דארפן מיר זײ העלפן זײן געזונט.

……

כאווײרים ארבעטער,

אלע מאנטיק, צו דעם מיטינג פון דעם שול פארײן ווערט געגעבן א לעקציע אין אלעפבײס פון קאמוניזם אין אונדזערע שול-צימערן פון נײן ביז צען.

דער קורס נעמט ארײן קולטור געשיכטע, סאציאלאגיע און פאליטישע עקאנאמיע. אײנטריט פרײ. א מיטגליד אין שול פארײן קען און דארף ווערן יעדער אײנער. דער אפצאל איז נאר 50 סענט א יאר.

……

געדענקט דעם יאר קאנצערט פון אונדזער שול זונטיק דעם 6טן מערץ 1932 אין ארבעטער צענטער 1813 פיטקין עווענױ.

דערציט אײערע קינדער אין גײסט פון קלאסנקאמף!

בויט די ארבעטער שולן!